ישראל שטערן

# זיי הערעז, ווי עס שרייט...

און אמאל ליגען קראנקע פערנורעט און הערען:
ס'האט זיך א חולה צעקריגט היינט מיט גאט.
זינקען זיי טיעפער אין גרוב פון מאטראץ.
פערקלעפען נאך פעסטער צעאיטערטע ברעמען.

און ליגען פערהדעקטע איינגאנצען מיט שאטענס,
ציטערען געבען א רידער מיט א קנאכען.
נאר טריט ביי טרימ שפרייזען, טשאטעווען ווערטער,
דערנעהנטערען זיך. כאפען ווי צוואנאנגען און קלעמען.

וואקסט זיך דאס פלייש און ווינטערנעם גליווער,
ווערט זואַרים. נוי פיער, און ליבטיג דאס בלוט:—
...יאגען זיך ערטער — געשטאלטען — חלומות
אש-גראהע מיט בליקען, צעפלאטט, ווי א סטאדע

וועלף; און זיי אלע שטשירען די צייהנער,
און טאשטשען אין פיסקעס פערצוקטע שטיק ווערטער.
קוקען די קראנקע דורך ווייסלען פערמאכטע,
טראכטען: נו, יא... ווי דען זשע, אוודאי...

און הארכען דורך נעבעל, ווי ס'שיט פעך און שוועבעל
דארט איינער אין ווינקעל ארויף צום בעשעפער.
פערקוועטשט זיך דער פחד, ווי שטאהל אויף די בוזעמס — :
„ועמען פרובירסטו, בן-תמותה, צו שעלטען?“

זיי וויקלען דאס אויער מיט שטינקענדען שטרוי.
קריכען אין קאלדרעס אריין ווי אין זעק.
ווילען נישט הערען און... הערען, ווי עס שרייט
זיי אין קאפ יעדע האר און רייסט אלע וועלטען.

זיי הערן, ווי עס שרײַבט...

הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)

28, נומ' 4, יאַנואַר 4, 1935, ז' 6